קונטרס

# יפה ירושתינו

משנת אדונינו מורינו ורבינו צדיק הדורות
נגמ"ח מוהר"ן מברסלב זצוק"ל
מפי
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שכטער** שליט"א

**ספה"ק משיבת נפש**
אות
כ"א (ח"ב)

**אידיש**
מועתק מלשונו הזהב

קונטרס י"ג
חודש אב תשפ"ד לפ"ק

# פרנס החודש

לזכר נשמת האי נשמה זכה וטהורה, הבתולה החשובה, בעלת יסורים
ומכאובים קשים ומרים, וקבלתה באהבה יתירה, ובעצם קומיה ע"ז
העולם עשה נחת רוח רב ליוצרה
ה"ה

**מרת חיה שרה ע"ה**

**בת הרה"ח ר' נתן נטע שליט"א (קויפמאן)**

ששבק חיים לכל חי י"ד תמוז תשפ"ד לפ"ק

תהא נשמתה צרורה בצרור החיים

הונצח ע"י אחיה
ידידינו מוה"ר **ישכר דוב** הי"ו
וידידינו מוה"ר **אברהם שמעון** הי"ו
**מעמודי התווך**

לשמיעת המאמר מפי הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות
**קול דורשי יחודך**
718-586-5199
באר"י 0765997840
~ ~ ~
ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: yyryms1@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20
עבור הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודאה בקול דורשי יחודך נומער 9, או לשלוח אימעל בבקשה

©
כל הזכויות שמורות

מכון דורשי יחודך

נסדר לדפוס ע"י:
ישר Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


א מאמע פארגעסט נישט איר קינד ........ א
ארויסגיין מיט א שארפע מחאה! ........ ג
אים געכאפט ביים וואָרט ........ ה
דער אונטערשייד צווישן צדיקים ........ ז
פראסטע 'בעלי רוח הקודש'! ........ י
א שאד יעדע רגע! ........ יא
נישט געדארפט קיין זייגער ........ יב
ארויסגיין פון אלע ענגשאפטן ........ יג
דער קרוין פון דוד המלך ........ יד
קיינער איז נישט איבריג! ........ טז

# קונטרס י"ג

## אות כ"א (ח"ב)

עַיֵּן (ליקוטי עצות) דִּבּוּר אות י"ט, וְזוֹ לְשׁוֹנוֹ שָׁם: גַּם הַדִּבּוּר הוּא בְּחִינַת אֵם הַבָּנִים, הַיְנוּ כְּמוֹ שֶׁהָאֵם הוֹלֶכֶת תָּמִיד עִם בָּנֶיהָ אֲפִלּוּ לַמְּקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים, וְאֵינָהּ שׁוֹכַחַת אוֹתָם, כְּמוֹ כֵן הַדִּבּוּר הוֹלֵךְ עִם הָאָדָם תָּמִיד אֲפִלּוּ בַּמְּקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפוֹת, וּמַזְכִּיר אוֹתוֹ תָּמִיד אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. הַיְנוּ שֶׁאֲפִלּוּ אִם הָאָדָם מֻנָּח חַס וְשָׁלוֹם, בְּשִׁפַל הַמַּדְרֵגָה מְאֹד בְּמָקוֹם שֶׁהוּא חַס וְשָׁלוֹם, אַף עַל פִּי כֵן עַל יְדֵי הַדִּבּוּר יָכוֹל לְהַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְעוֹלָם, דְּהַיְנוּ שֶׁאֲפִלּוּ אִם הוּא בְּמָקוֹם שֶׁהוּא אִם יִתְחַזֵּק גַּם שָׁם לְדַבֵּר עַל כָּל פָּנִים דִּבּוּרִים קְדוֹשִׁים שֶׁל תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אוֹ לָשׂוּחַ עִם רַבּוֹ אוֹ חֲבֵרוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם, יָכוֹל לְהַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְעוֹלָם, אֲפִלּוּ שָׁם בַּמְּקוֹמוֹת הָרְחוֹקִים מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁהֵם בְּחִינַת מְקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים, אֲפִלּוּ אִם נָפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל רַחֲמָנָא לִצְלָן. כִּי הַדִּבּוּר אֵינוֹ מַנִּיחַ אוֹתוֹ לִשְׁכֹּחַ אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וְהָבֵן הַדָּבָר הֵיטֵב מִגֹּדֶל כֹּחַ הַדִּבּוּר, וְהוּא עֵצָה נִפְלָאָה וְנוֹרָאָה לְמִי שֶׁחָפֵץ בֶּאֱמֶת לְבַל יֹאבַד עוֹלָמוֹ לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם.

(עפ"י ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ח)

### א מאמע פארגעסט נישט איר קינד

**"גַּם הַדִּבּוּר הוּא בְּחִינַת אֵם הַבָּנִים".**

- דער דיבור פון א מענטשן איז א בחינה פון א מאמע מיט קינדער.

**"הַיְנוּ כְּמוֹ שֶׁהָאֵם הוֹלֶכֶת תָּמִיד עִם בָּנֶיהָ"**

- אזויווי א מאמע גייט כסדר קוקן נאך אירע קינדער.

"אֲפִלּוּ לַמְּקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים"

- ביז דארט גייט זי זיי נאך.

"וְאֵינָהּ שׁוֹכַחַת אוֹתָם"

- זי פארגעסט זיי נישט.

"כְּמוֹ כֵן הַדִּבּוּר הוֹלֵךְ עִם הָאָדָם תָּמִיד אֲפִלּוּ בַּמְּקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפוֹת, וּמַזְכִּיר אוֹתוֹ תָּמִיד אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ".

דאס טייטש, א מענטש דארף זען אז דער דיבור זאל אים כסדר נאכגיין, עס זאל אים כסדר מזכיר זיין.

אזוי ווי א מאמע גייט נאך איר קינד אוואו דאס קינד געפינט זיך נאר, זי גיט אייביג אכטונג אויפן קינד, אזוי אויך דער דיבור איז א סוד פון אַן 'אֵם', ווייל דער דיבור שטאמט פון מלכות, און מלכות רופט זיך 'אֵם'[א], דערפאר האט דער דיבור א כח נאכצוגיין א מענטשן און באהיטן דעם מענטשן און אים ראטעווען און אים ארויסנעמען פון אלע שלעכטע פלעצער וואו נאר ער געפינט זיך חס ושלום.

"הַיְנוּ שֶׁאֲפִלּוּ אִם הָאָדָם מֻנָּח חַס וְשָׁלוֹם, בִּשְׁפַל הַמַּדְרֵגָה מְאֹד בְּמָקוֹם שֶׁהוּא חַס וְשָׁלוֹם, אַף עַל פִּי כֵן עַל יְדֵי הַדִּבּוּר יָכוֹל לְהַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְעוֹלָם. דְּהַיְנוּ שֶׁאֲפִלּוּ אִם הוּא בְּמָקוֹם שֶׁהוּא אִם יִתְחַזֵּק גַּם שָׁם לְדַבֵּר עַל כָּל פָּנִים דִּבּוּרִים קְדוֹשִׁים שֶׁל תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ" -

א מענטש דארף וויסן, ער קען כסדר רעדן צום אויבערשטן, דער אויבערשטער ווערט נישט קיינמאל אויס טאטע![ב]

**א.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ח בפנים: הדיבור הוא בחינת מלכות, כמו שאמר אליהו: 'מלכות פה'. ובחינות שכינה גם כן, כי שוכנת אתם תמיד בלי הפסק רגע, כמו שכתוב (ויקרא ט"ז): "השוכן אתם בתוך טמאותם". והוא בחינת: "אם הבנים".

**ב.** עיין שיחות הר"ן אות ז': **ואף אם נדמה להאדם שלפי מעשיו אינו כבן לפניו יתברך עם כל זה הלא השם יתברך קראנו בנים** כנ"ל, כי **בין כך ובין כך קרויים לך בנים** וכו' (קידושין לו.).

ער קען כסדר בעטן דעם אויבערשטן, זיך כסדר אויסרעדן דאס הארץ פארן אויבערשטן, זאגן דעם אויבערשטן - 'זעה אוואו איך געפין זיך, זעה וואס טוט זיך מיט מיר, האב אויף מיר רחמנות, דו קענסט דאך מיר העלפן!'.

די זעלבע זאך, רעדן מיט חברים -

**"אוֹ לָשׂוּחַ עִם רַבּוֹ אוֹ חֲבֵרוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם"**

און דורכדעם -

**"יָכוֹל לְהַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ לְעוֹלָם".**

זיך נישט לאזן איינרעדן פון דעם בעל דבר וואס וויל מיר אוועקווארפן פון דיר!

דעם דיבור זאל מען קיינמאל נישט אפלאזן!

אזוי ווי א מאמע לאזט קיינמאל נישט אפ קיין קינד, אזוי דארף א מענטש זען אז דער דיבור זאל אים נישט אפלאזן! כסדר רעדן הייליגע דיבורים, דאס וועט אים טון אלע מיני סארטן טובות אין דער וועלט![ג]

### ארויסגיין מיט א שארפע מחאה!

דער אמת איז טאקע, חוץ פון דעם וואס בשעת א מענטש רעדט הייליגע דיבורים שפירט ער דאס, און דערווייל טראכט ער פון די

---

**ג.** עיין השתפכות הנפש אות נ"ו (עפ"י ליקו"מ סי' ל"א): **על ידי השיחה שמשיחים ומדברים בינו לבין קונו ומוציאין בפה הכיסופים והרצונות טובים שלו, מה שהוא נכסף ומשתוקק ומתגעגע לצאת מהרע שלו ולזכות לטוב אמיתי ומתפלל ומתחנן לפני ה' יתברך על זה**, על ידי זה הוא מוציא הנפשות טובות מכח אל הפעל. כי על ידי הכיסופין לבד נעשין נפשות בכח, כי הכיסופין הם הנפש, בחינת 'נכספה וגם כלתה נפשי', ועל ידי הדיבור הנ"ל נגמרין ויוצאין מכח אל הפעל בחינת 'ויהי האדם לנפש חיה', ותרגומו, 'לרוח ממללא'. וכמו שכתוב: 'נפשי יצאה בדברו'. ועל ידי זה זוכה לפעול בקשתו וזוכה לצייר אותיות התורה לטוב ומחיה ומקיים הכל **וממשיך טובה וברכה בכל העולמות ונעשים פעולות טובות בעולם** ומעורר לתשובה כמה נפשות על ידי הדיבור הזה שמדבר בינו לבין קונו.

דיבורים, און דערווייל געפינט ער זיך במקום קדוש, און דאס ווערט נישט פארלוירן -

דער זוהר הקדוש זאגט דאך[ד]: "**אפילו א הייליגע מחשבה ווערט נישט פארלוירן, אפילו א רצון ווערט נישט פארלוירן!**".

כל שכן - א קול! א דיבור!

סוף כל סוף לעת הצורך, לעתיד לבוא, וועלן קומען צו א מענטשן די אלע הייליגע דיבורים, די אלע דיבורי תורה, די אלע דיבורי תפילה, און דאס וועט אים ביישטיין![ה] די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן דורך די דיבורים וועלן אים ביישטיין, זיי וועלן אים טון אלע מיני סארטן טובות אין דער וועלט, ווייל דאס זענען זיינע אמת'ע גוטע פריינט. איז דארף א מענטש זען - נישט אפלאזן דעם דיבור![ו]

א חוץ דעם - איז דאס אליין א געוואלדיגע מחאה. די גמרא זאגט[ז], אז איינער איז מחזיק א פעלד - און דער אנדערער שווייגט, איז דאס יענער מחזיק, יענער קען עס צונעמען חס ושלום. אבער טאמער ער זאגט: "**פלניא גזלנא הוא - דנקיט לה לארעאי בגזלנותא**", קען עס שוין יענער נישט מחזיק זיין, עס איז נישט יענעמ'ס, עס ווערט נישט יענעמ'ס, די חזקה איז נישט קיין חזקה.

ממילא, אזוי אויך אז איינער רעדט הייליגע דיבורים, וואס דאס זאגט אז ער וויל זיין אַן ערליכער איד, ער וויל זיך ארויסדרייען, איז סוף כל סוף וועט אים דער דיבור טון א געוואלדיגע טובה, די דיבורים וועלן אים ארויסנעמען משאול תחתיות, די דיבורים וועלן

---

**ד.** פר' תרומה דף ק"נ ע"ב.

**ה.** עיין ליקוטי הלכות הל' חדש ה"ד, אות ט': **בודאי אין שום דיבור דקדושה נאבד**, ואפילו אם הוא כמו שהוא יש לו כח להתגבר בבחירתו לדבר דיבורים קדושים שהם בחינת שלימות לשון הקודש ואם ירבה בדיבורים קדושים של תורה ותפלה והתבודדות, **סוף כל סוף יתקבצו ויעזרו לו בעלמא דין ובעלמא דאתי**.

**ו.** וכמבואר מזה הרבה בספרי רבינו, עיין ספר השתפכות הנפש.

**ז.** עיין גמ' בבא בתרא לח ע"ב.

אים מקרב זיין צו ה' יתברך, ווייל דער דיבור האט א שרעקליכן כח![ח].

## אים געכאפט ביים וואָרט

אויב ביי די סטרא אחרא האט דער דיבור א כח, איז בקדושה האט עס אוודאי און אוודאי א כח!

עס ווערט געבראכט אין סנהדרין[ט], "יהוא בן נמשי" האט געוואלט אויס'הרג'ענען אלע עובדי עבודה זרה, האט ער דאך געדארפט אז זיי זאלן קומען. האט ער געהייסן אז מען זאל אויסרופן אז יהוא וועט דינען אסאך עבודה זרה - "**יֵהוּא יַעַבְדֶנּוּ הַרְבֵּה**"; אחאב האט געדינט אביסל עבודה זרה - און ער דינט אסאך. דאס הייסט, ער האט אויסגערופן אז ער איז אַן עובד עבודה זרה.

זענען געקומען אלע גלחים, אלע כומרים פון די עבודות זרות, מען האט זיך צוזאמען געמומען, ווייל מען האט דאך געזען אז ער וויל דינען עבודה זרה, און דעמאלס האט ער זיי אלעמען אויסגע'הרג'עט...

---

**ח.** עיין ספר השתפכות הנפש אות פ"ח (עפ"י הל' חזקת מטלטלין ה"ה אות י"ב-י"ג): מענין מחאה המבואר בדין חזקת קרקעות שכל זמן שהוא מוחה אז אין חזקת המחזיק מועילה כלום, מובן היטב איך שצריך כל אדם להתחזק בכל פעם בתפלה ותחנונים והתבודדות וצעקה להשם יתברך יהיה איך שיהיה אפילו אם יעבור עליו מה, כי אפילו אם רואה שאינו פועל ח"ו בתפלתו, ואדרבה, הרע מתגבר עליו ביותר, אף על פי כן ידע ויאמין שפועל הרבה בתפלתו וצעקתו, **כי על כל פנים צעקתו ותפלתו הוא בחינת מחאה** הנ"ל, כי קדושת כל אחד מישראל הוא בחינת קדושת ארץ ישראל, וכשהרע מתגבר על האדם בתאוות ומידות רעות, וזה בחינת שרוצים לגרשו ח"ו מהסתפח בנחלת השם שהוא ארץ ישראל וכל מה שחותר לשוב לקדושתו אין מניחין אותו מעוצם ההתגברות שמתגרין בו, והוא אינו מתגבר נגדם כראוי, ועל כן כשמתגבר אף על פי כן בתפלה וצעקה להשם יתברך אזי לא יוכלו לגרש ולכבש חלקו בארץ ישראל ח"ו בשום אופן, כי תפלתו וצעקתו הוא בחינת מחאה שעל ידי זה אין יכולה הסטרא אחרא להחזיק בנחלתו ח"ו בשום אופן כי אין חזקה מועלת כשיש מחאה נגדה.

**ט.** דף קב ע"א.

זאגן די הייליגע חז"ל, מיט דעם דיבור וואס ער האט ארויסגערעדט אז ער וועט דינען עבודה זרה, האט דער יצר הרע געהאט אַן אחיזה, **"לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ"**[י], און מכח זה האבן די כוחות הטומאה אים גע־ריסן און געריסן, ביז עס האט אים צוגעבראַכט אז ער זאל אליין זיין אַן עובד עבודה זרה ח"ו[יא].

קומט אויס, א כח פון דיבור![יב]

כל שכן אז א מענטש - ווי מען האט געזאגט[יג] - "ככל היוצא מפיו יעשה", ער רעדט הייליגע דיבורים פון תורה ותפילה, און כל שכן אז ער רעדט זיך אויס דאס הארץ פארן אויבערשטן, ער רעדט צו השם יתברך **"כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ"**[יד] אז ער איז נישט מסכים וואס טוט זיך מיט אים, ער איז נישט מסכים וואס איז געווען מיט אים, ער איז נישט מסכים וואס טוט זיך מיט אים ערשט, ער וויל מקורב ווערן צו השם יתברך, מען לייגט אריין די מחשבות אין א קאפיטל תהלים, אין אנדערע דיבורים בכלל, אט די עצם דיבורים אליין דאס האט א געוואלדיגן כח!

---

**י.** בראשית ד', ז'.

**יא.** עיין שיחות הר"ן אות רל"ז: אמר שצריך ליזהר מאד לבלי להוציא מפיו דיבור של רשעות חס ושלום אפילו בדרך ליצנות. דהיינו שלא לומר ח"ו על עצמו שיהיה רשע ח"ו או שיעשה עבירה ח"ו, אף שאומר זאת בדרך ליצנות ואין בלבו כלל לעשות זאת, אף על פי כן זה הדיבור מזיק לו מאד ויכול להכריחו ח"ו אחר כך לעשות זאת שהוציא מפיו אף על פי שלא אמרה מלבו רק בדרך ליצנות. ועל ידי זה נכשל יהוא המלך על ידי שהוציא מפיו ואמר (מלכים ב י יח): **"יהוא יעבדנו הרבה"**. אף על פי שבלבו היה לבלי לעבדו רק אמר זאת בדרך ליצנות כדי להטעות את עובדי הבעל כמבואר שם במקרא, אף על פי כן נכשל אחר כך על ידי זה עד שעבד בעצמו עבודה זרה כמו שארז"ל. על כן צריכין ליזהר מזה מאד כי ברית כרותה לשפתים וכו' כמו שארז"ל (סנהדרין ק"ב. מועד קטן י"ח.).

**יב.** עיין ספר המידות - ערך 'תשובה', אות י"א: **ישמור אדם את פיו מלומר 'אעשה העבירה הזאת' אפילו בדרך ליצנות, כי דיבורו מכריח אותו למעשה.**

**יג.** עיין יפה ירושתינו בקונטרס הקודם (והוא חלק א' משיחה זו) בשם החיד"א.

**יד.** עפ"י שמות לג, יא. עיין חיי מוהר"ן אות תל"ט.

## דער אונטערשייד צווישן צדיקים

מען זעט טאקע, בזמן חז"ל פלעגט זיך אלעמאל מעסטן איין צדיק מיט דעם צווייטן צדיק - ווער עס איז א גרעסער תלמיד חכם.

פארוואס האט זיך עס אזוי געמאסטן? - היינט ווייסט מען דאך אז דאס איז צוויי באזונדערע זאכן, עס קען זיין א גרויסער תלמיד חכם, און עס קען זיין א גרעסערער ירא שמים[טו]; אבער בזמן חז"ל האט זיך דאס כמעט געמאסטן, ווער עס איז דער גרעסערער תלמיד חכם - ער איז דער גרעסערער ירא שמים.

פארוואס?

דער רבי זאגט[טז]: **א מענטש דארף רעדן אזויפיל דיבורים פאר השם יתברך אין תורה און תפילה, אז עס זאל נישט זיין ביי אים קיין טיפת דם וואס האט נישט עובד געווען מיט דעם ה' יתברך!**[יז].

---

**טו.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"א, אות ט': ולמדן בלבד בודאי אינו כלום, כי אפשר להיות למדן ורשע גמור. ולא זכה נעשה לו סם מות, על כן צריך שיהיה למדן וחסיד.

**טז.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ה, וז"ל: **צריכין לדבר רק דיבורים קדושים, ולא דברים אחרים**. כדי להעלות הניצוצות הנ"ל, לתקן כל העולמות. כי עיקר הבריאה היתה על ידי הדיבור, כמו שכתוב (תהלים ל"ג): "בדבר ה' שמים נעשו". ועל ידי השבירה נפלו ניצוצות בכל הדברים, במאכל ובמשתה ובמלבוש, ובכל התענוגים שבעולם. כי התענוג שיש בהדבר שאוכל ושותה וכיוצא בזה, הוא מהניצוצות שנפלו לשם, והנצוצות הם אותיות כנ"ל. וקודם שמוציאם אל הדיבור, הם בבחינת דם, שהוא בחינת נפש, כמו שכתוב (ויקרא י"ז): "כי נפש כל בשר דמו בנפשו הוא". וכשמוציאם על ידי הדיבור, זהו בחינת (שיר השירים ה): **"נפשי יצאה בדברו"**. ואז מעלה הניצוצות ומחברם יחד, ועושה שלום ביניהם ... **ועל כן צריך לעבוד את השם יתברך בכל הטיפי דם שנמצאים בו, דהיינו שידבר הרבה בתורה ותפלה, עד שיהיה נעשה מכל הדמים, דיבורים של תורה ותפלה**. כי הדיבור הוא מהנפש, שהוא בחינת דמים כנ"ל. ואזי מבטל כל הנצחון והמחלוקת הנמשך מהניצוצות הנפולין הנ"ל, שהם הם בחינת הדמים שעדיין לא עבד בהם את השם יתברך כנ"ל.

**יז.** עיין חיי מוהר"ן אות תמ"א: פעם אחת אחז רביז"ל את הרב רבי שמואל אייזיק כנגד לבו, ואמר לו: בשביל מעט דם כזה, היינו שבחלל הלב תאבד את העולם הזה והעולם הבא? (ובלשון אשכנז: **איבער אביסעלי בליט זאלסטו אן ווערין דיא וועלט אין יענע וועלט? קרעכטץ זי אויס!**) ותהיה רגיל להתאנח הרבה עד שתפטר אותו ותכניע הרע שבו, ותזכה

וואס איז דער פשט? אז א מענטש רעדט א דיבור, רעדט ער מכח א נקודה פון דם וואס איז דא ביי אים, בכח דעם רעדט ער ארויס דעם דיבור. און אז ער רעדט נאך א דיבור, רעדט ער ארויס נאך א נקודה פון דעם דם, "**כִּי הַדָּם הוּא הַנָּפֶשׁ**", אט דאס גיט דאך די חיות פאר דעם מענטש. דארף מען רעדן אזעלכע הייליגע דיבורים אז עס זאל נישט זיין ביי א מענטש קיין טיפת דם וואס ער האט נישט גערעדט מיט דעם צו ה' יתברך. ממילא באקומט מען הייליגע בלוט, און אז מען האט הייליגע בלוט, האט מען הייליגקייט אין זיך.

דער רבי זאגט: "קדושה מיט הייליגע דיבורים זענען תלוי זה בזה!" - עס איז דא עפעס אזא לשון אין תורה י"ט אין ליקוטי מוהר"ן[יח].

דער רבי זאגט דארט: "**עס קען גאר נישט זיין אנדערש - שמירת הברית מיט לשון קודש איז תלוי זה בזה!**" - עס קען נישט זיין אנדערש!

וואס א מענטש האלט מער ביי קדושה, רעדט זיך אים מערער, רעדט זיך אים געשמאקער, רעדט זיך אים דיבורים, עס איז אים אפן דער מויל, רעדט ער תורה, רעדט ער תפילה, עס איז אים זיס די תורה, עס איז זיס די תפילה. וואס א מענטש רעדט הייליגע דיבורים,

לבחינת ולבי חלל בקרבי. גם עיין שם אות תמ"ג: ושמעתי בשם רביז"ל שאמר גם לכמה אנשים אחרים, מחמת שהגוף שלכם עב מאד ועז וחזק וכו' **על כן דארפט איהר איהם אסאך אן דולען** [צריכים אתם להלעיט אותו] עם דיבורים קדושים מענין התכלית וכנ"ל. וממילא מובן כי צריכין לדבר עם עצמו גם כן דיבורים הרבה מענין התחזקות לחזק את נפשו, בכדי שלא ירפו ידיו לגמרי חס ושלום. וכמובא בהשירים והחרוזים של רביז"ל, ובמקומות הרבה מדבריו זכרונו לברכה. וכמו שאנו אומרין בכל יום בבוקר 'מה אנו מה חיינו וכו' לבד הנשמה וכו' אבל אנחנו עמך וכו' אשרינו' וכו', וכמובא בדבריו ז"ל בליקוטי תניינא סימן קכ"ה.

**יח.** עיין שם אות ג', וזל"ש (עפ"י קיצור ליקו"מ): **תיקון הברית ושלימות לשוןהקודש תלויים זה בזה, כי זה בלא זה אי אפשר להיות.** וכפי שמרבין לדבר דיבורים קדושים שהם בחינת לשוןהקודש, כמו כן זוכין לתיקון הברית. וכפי תיקון הברית כן זוכין לשלימות לשוןהקודש. וכן להיפך לענין הפגם חס ושלום, כי מי שפוגם בברית מאבד לשון הקודש, ומי שיש לו לשוןהקודש הוא שומר הברית

איז ער זוכה מערער לנצח את יצרו. קומט אויס, 'דיבורים קדושים' מיט 'שמירת הברית' דאס איז תלוי זה בזה.

ממילא, בימי חז"ל האבן זיי דאך געלערנט בעל פה, מען האט דאך געלערנט בעל פה. אז א מענטש איז אריין צו זיין רבי'ן, און מען האט געהערט אפאר פרקים משניות, האט מען עס געדארפט איינ'חזר'ן אויסעווייניג בעל פה בדיוק מיט די אותיות. פארוואס? ווייל אויף מארגן וועט ער הערן נאך אפאר פרקים משניות, און קיין ספר אויף צו מעיין זיין איז נישטא - דער רבי איז דער ספר, ער איז די תורה.

[דערפאר פלעגט מען כסדר אזויפיל מקפיד זיין אויף כבוד הרב, ווייל די תורה איז געווען ממש ביים רבי'ן, האט מען אים געדארפט אפהיטן אזוי ווי א ספר תורה ממש[יט]].

קומט אויס, לאמיר זאגן, אז איינער האט אפגעלערנט פינף פרקים משניות, קומט ער אויף צומארגנס און ער הערט נאך פינף פרקים - דארף איך קענען צען - איך דארף חזר'ן די היינטיגע פינף און די נעכטיגע פינף. קומט ער אויף מארגן - לערנט ער נאך פינף פרקים משניות, דארף ער שוין חזר'ן פופצן. און אז ער הערט נאך פינף משניות - דארף ער שוין חזר'ן צוואנציג. וואס מער ער האט געקענט, האט ער געדארפט מער לערנען.

קומט אויס, זיי האבן געהאלטן אין איין לערנען, ממש 'טוחנות' – אזוי ווי מילן האבן זיי געהאלטן אין איין לערנען[כ].

ממילא קומט אויס, עס איז געווען א גרויסער חילוק ווען איינער איז געווען קלאר אין נאך א מסכת מער ווי דעם צווייטן, ווייל ער האט געדארפט אסאך מער און מער לערנען אז ער זאל קענען נאך

---

**יט.** עיין גמ' מכות דף כ"ב ע"ב: אמר רבא, כמה טפשאי שאר אינשי דקיימי מקמי ספר תורה ולא קיימי מקמי גברא רבה, וכו' עיי"ש.

**כ.** עיין יפה ירושתינו בקונטרס הקודם (והוא חלק א' משיחה זו) הערה ל"ו.

א מסכת, עס האט נישט קיין גבול וויפיל מערער ער האט געדארפט חזר'ן, ווייל עס איז נישט געווען קיין ספרים און מען האט געדארפט כסדר חזר'ן בעל-**פה**.

## פראסטע 'בעלי רוח הקודש'!

עס איז פארהאן א "זוהר חדש"[כא], בזמן התנאים פלעגן אריינקומען אין בית המדרש אידן פון גאס דאווענען צו הערן א אידיש ווארט, פלעגן זיי פילן אזא קדושה, אז איינער פלעגט זאגן צום צווייטן - אידן פון גאס: "פון די דיבורים וואס דער תנא רעדט צו דעם צווייטן, זע איך וואס עס וועט זיין אין דעם אין דעם טאג!".

דאס הייסט, עס איז געווען אזא מין רוח הקודש אין זייערע דיבורים, אז זיי האבן אריינגעגעבן א קדושה פון רוח הקודש אין מענטשן וואס זיי האבן געהערט די דיבורים, אז זיי האבן געזען עתידות בכח וואס די תנאים ואמוראים האבן גערעדט.

די תנאים ואמוראים, זיי אליין האבן עס זוכה געווען דורך דעם וואס זיי האבן אסאך געלערנט תורה לשמה![כב]

די דיבורים האט אזוי מקדש געווען זייערע דמים, ביז זיי זענען געווארן נתהפך ממש למהות התורה, עס איז געווען 'שכינה

---

**כא.** על איכה, וז"ל: כל אינון תנאים ואמוראים, דכל עלמא קיימא בגינייהו. דכד הוו קיימי כחדא, הוה אמר בר נש לחבריה, 'מגו מלה דא דפרח מפומוי, אנא חמא מה דיהא יומא דא, או למחר, כך וכך!' [תרגום ללשה"ק: כל אותם התנאים והאמוראים, שכל העולם עומד בשבילם. שכשהיו עומדים יחד, היה אומר איש לחבירו: מתוך דבר זה שפרח מפיו, אני רואה מה שיהיה היום הזה או למחר כך וכך].

**כב.** עיין תולדות יעקב יוסף פר' ויצא אות י"א: קיבלתי ממורי, שעיקר עסק תורה ותפלה שידביק את עצמו אל פנימיות רוחניות אור אין סוף שבתוך אותיות התורה והתפלה, שהוא נקרא לימוד לשמה, שבזה אמר ר' מאיר (בפ"ו דאבות) כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה ומגלין לו רזי תורה וכו', ר"ל **שידע עתידות וכל מאורעותיו מתוך התורה**, וידע איך יתנהג בתורה ועבודת השם יתברך, ומלבד מה שרואה עולמות של מעלה, וכהנה שמעתי מפי מורי ודפח"ח.

מדברת מתוך גרונם', דאס האט זיי גורם געווען צו אזא געוואלדיגער זיכוך[כג].

עס איז פארהאן א [חז"ל][כד], בטורח האט מען מתיר געווען 'עניית אמן', צו אנדערע דיבורים - ווי צו זאגן 'אסותא', ביי א מענטש ווען ער גיט א ניס; פארוואס? ווייל מצד 'ביטול בית המדרש'.

## א שאד יעדע רגע!

וויבאלד די תורה איז געלעגן ביי די צדיקים אין די מיילער, ממילא אז עס איז נסתלק געווארן א צדיק, איז וואספארא תורה ער האט געוואוסט, אויב ער האט עס נישט מגלה געווען, איז עס כמעט נשכח געווארן.

קומט אויס, אז מען איז געזעצן אין די בתי מדרשים און מען האט געלערנט, און מען האט געדארפט איבערנעמען די תורה און עס איבערגעבן דעם צווייטן דור, איז געווען א שאד יעדע רגע, עס איז געווען כמעט די חשוב'סטע זאך פאר אלצדינג, מען האט געדארפט נאר זיצן און לערנען אין הערן די תורה הקדושה און עס איבערגעבן ווייטער.

אזוי אויך יעדע הלכה און יעדע אגדה וואס ער האט געהערט האט ער עס געדארפט חזר'ן. יעדער איינער האט געהאט ביי זיך גאנצענע סדרים מיט מסכתות פון אגדה און הלכה, מיט פלפולים, וואס אין דעם האט מען געדארפט עוסק זיין תמיד, איז דאס האט אריינגעבראכט א געוואלדיגע קדושה.

קומט אויס, יעדער איינער וואס איז געווען גרעסער אין לערנען, איז ער געווען גרעסער מער אין קדושה און מער אין צדקות.

---

**כג.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ל"ה: **לומדי תורה ראוי להם לידע עתידות**, וזה שכתוב: "קדם ידעתי" (תהלים קי"ט) שאני יודע מקודם מה שיהיה. ומהיכן? "מעדותיך", דהיינו מן התורה.

**כד.** עיין גמ' ברכות נג ע"א.

## נישט געדארפט קיין זייגער

ר' וועלוול חשין ע"ה[כה] פלעגט זאגן; עס איז דא א חז"ל[כו], רבי יוחנן בן זכאי איז געווען אמאל אין תפיסה. אמאליגע תפיסות איז געווען אונטער דער ערד, מען האט נישט געזען קיין טאג און קיין נאכט. פלעגט ער אבער זאגן אלעמאל וויפיל דער זייגער איז. האט מען אים געפרעגט פון וואנעט ער ווייסט. האט ער געזאגט: "מגירסיה".

וויבאלד ער האט געהאלטן אין איין לערנען 'כל ימיו' יומם ולילה, און ער האט זיך שוין געהאט זיינע סדרים וואס ער האט געלערנט, האט ער שוין געדענקט אלעמאל מרוב לערנען דעם סדר וויפיל עס געדויערט אים 'די' מסכתא און וויפיל 'די' מסכתא בדיוק, און דורך האט ער געוואוסט אוואו עס האלט - צו עס איז טאג צו עס איז נאכט - און וויפיל אזייגער עס איז, דאס האט ער געוואוסט 'מגירסיה', ווייל ער האט תמיד עוסק געווען בתורה.

---

**כה.** ה"ה **הגה"ח רבי בנימין זאב** ב"ר נחמי' **חשין ז"ל**, הנקרא בלשון חיבה 'ר' וועלוול', נולד לאביו הגה"ח רבי נחמי' מיקירי קרתא דשופריא, בצעירותו למד בתלמוד תורה וישיבת 'עץ חיים', והיה מטובי הלומדים, למד בחברותא עם הגרש"ז אויערבאך ז"ל, בערך שנת תרצ"ג התקרב החסיד רבי משה רוזנטאל ז"ל לאורו של רביה"ק, ובעקבותיו התקרבו עוד מלמדני 'עץ חיים' וביניהם רבי בנימין זאב, נשא את בתו של הרב אליהו נחום פרוש ז"ל, הצטרף לחבורת החסיד רבי שמואל הארוויץ ז"ל אשר קמו ביחד בחצות לילה לעריכת תיקון חצות, ולאחר מכן הם יוצאים להרים ויערות מחוץ לישוב להתבודדות, החסיד רבי הירש לייב ליפל ז"ל התבטא שבכייתו של ר' בנימין זאב מעמקי הנפש בעת ההתבודדות הזכירה לו חבריו הקדושים שבאומן, למד תורת הנסתר מפי גדולי המקובלים רבי מאיר אבוחצירא ורבי מרדכי שרעבי ז"ל, עסק הרבה בקירוב רחוקים והחזרה בתשובה, ולמטרה זו היה נודד ברחבי הארץ למסור דרשות ושיעורים, קיבל כל אשר שם ישראל נקרא עליו בכל כך אהבה ושמחה, הרבה התקרבו לרביה"ק ע"י, מסר שיעורים בישיבת ברסלב בני ברק, ושימש כאחד מראשי ישיבת המקובלים 'שער השמים', השאיר אחריו דור ישרים ומבורך, נפטר י"ז חשון ומנו"כ בהר הזיתים בירושלים עיה"ק.

**כו.** איכה רבה פר' א' פס' ל"א.

## ארויסגיין פון אלע ענגשאפטן

על כל פנים, דער רבי זאגט, א מענטש זאל זיך האלטן כסדר תמיד ביים דיבור, ער זאל זען אז ער זאל נישט אפלאזן דעם דיבור, ווייל דער דיבור דאס איז דער קשר פון א אידן צו ה' יתברך.

**"אֲפִלּוּ שָׁם בִּמְקוֹמוֹת הָרְחוֹקִים מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁהֵם בְּחִינַת מְקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים, אֲפִלּוּ אִם נָפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל רַחֲמָנָא לִצְלָן"**

זאל ער נישט אפלאזן דעם דיבור.

**"כִּי הַדִּבּוּר אֵינוֹ מַנִּיחַ אוֹתוֹ לִשְׁכֹּחַ אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ".**

און דאס וועט אים סוף כל סוף צוריקברענגען צו השם יתברך ווי עס דארף צו זיין.

**"וְהָבֵן הַדָּבָר הֵיטֵב מִגֹּדֶל כֹּחַ הַדִּבּוּר, וְהוּא עֵצָה נִפְלָאָה וְנוֹרָאָה לְמִי שֶׁחָפֵץ בֶּאֱמֶת לְבַל יֹאבַד עוֹלָמוֹ לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם".**

זאל ער זיך נעמען צו די עצה פון דיבור, ער זאל כסדר עוסק זיין בתורה, כסדר זאגן תהלים, רעדן הייליגע דיבורים, לערנען, דאווענען, זען אז דער דיבור זאל זיין במקום הקודש.

אז דער דיבור וועט אים זיין בסדר, כל שכן אז דער אויבערשטער העלפט - מען היט אפ דעם דיבור, מען רעדט נישט קיין דברים בטלים אין בית המדרש, מען רעדט נישט קיין לשון הרע, מען רעדט נישט קיין רכילות, מען איז נישט פוגם דעם דיבור, דעמאלס האט דער דיבור גאר א געוואלדיגן כח, און מען קען מיטן דיבור זיך ראטעווען און ארויסגיין פון אלע מיני מיצרים ברוחניות ובגשמיות, מען קען 'זיך' מעורר זיין כסדר, און 'אנדערע' מעורר זיין כסדר, און דאס אליין איז א עצם מציאות פון עבודת השם.

אזויוי דער רבי ר' אלימלך זאגט[כז]: "**שִׂמְחָה לָאִישׁ בְּמַעֲנֵה פִיו**" – ער וואוינט לויט ווי זיין דיבור - דער דיבור דאס איז דיין וואוינונג! אין די דיבורים וואס דו רעדסט - דארטן געפינסטו זיך[כח].

דער אמת איז טאקע, די נשמה געפינט זיך ממש ביים דיבור וואס דארטן רעדט א מענטש.

## דער קרוין פון דוד המלך

רש"י זאגט[כט] אויפן פסוק[ל] "**מִכְתָּם לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵ-ל כִּי חָסִיתִי בָךְ**": "'מכתם לדוד' איז א קרוין - א קרוין פון 'כתם פז'; אט די ווערטער 'שמרינו א-ל כי חסיתי בך' איז געווען 'למוד בפי דוד לומר' - דוד המלך האט דאס כסדר געחזר'ט, ער האט כסדר געזאגט דעם דיבור - 'רבונו של עולם גיב מיר אכטונג'!".

---

**כז.** עיין יפה ירושתינו בקונטרס הקודם (והוא חלק א' משיחה זו) הערה ל"ג.

**כח.** עיין תהלים 'ישועות אשא' (שיעורים שיעור ד') וז"ל הגה"צ שליט"א: **"ובתורתו יהגה יומם ולילה"** (תהלים א' ב') – 'יהגה' מתפרש גם בדיבור וגם במחשבה. וכאשר יש לו הזדמנות של דיבור צריך לעסוק בדיבור, כמו שאמרו חז"ל (עירובין נד ע"א) על הפסוק **"כי חיים הם למוצאיהם – למוציאיהם בפה"**, כי הוא קונה חיים, הוא קונה את השי"ת וקונה נצחיות על ידי פיו – כי חיים הם למוציאיהם בפה.

ואנו מוצאים בזהר הנאמר בליל חג השבועות על רבי שמעון והחבריא "והוו מרננים ברינוני דאורייתא" שכולם ישבו ולמדו במתיקות ובשמחה, בקול ובנעימות – ברינון דאורייתא. זה עיקר לימוד התורה.

יש פסוק **"שמחה לאיש במענה פיו"** (משלי טו כ"ג), וראיתי פירוש במענה פיו שהוא גורם עינויים לפניו, שאינו מדבר מה שרוצה, אינו מדבר לשון הרע ועוסק בתורה, בלי עצלנות, פתח פיך ויאירו דבריך, וזאת היא השמחה לאיש.

ורואים לשון ברמב"ם על דברי חז"ל 'כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ' – כותב הרמב"ם שהמקבל עליו 'עול' תורה פירושו התמדת הקריאה (מובא בתוס' יו"ט בשם הרמב"ם), בפשיטות לשבת וללמוד בקול זה נקרא עול תורה.

**כט.** וז"ל: "מכתם לדוד" - לשון עטרה, כמו כתם, שמשמע, דבר זה היה רגיל לומר דוד, שמרני א-ל כי חסיתי בך, והיה לו כעטרה.

**ל.** תהלים טז, א.

א מענטש דארף דאך האבן אזויפיל שמירה, סיי שמירה פון דעם יצר, און סיי שמירה פון וואס עס קען פאסירן א טאג ח"ו - דער אויבערשטער זאל אפהיטן ברוחניות ובגשמיות. דארף מען מקדים זיין תפילה, און בעטן "שמרינו א-ל כי חסיתי בך" – 'גיב אכטונג אויף מיר!'.

זאגט רש"י, די ווערטער "שמרינו א-ל כי חסיתי בך" איז געווען אזוי חשוב ביי דוד המלך אזויווי זיין קרוין. ביי א קייסער - דער קרוין זיינער דאס איז 'כבוד מלכותו', דאס איז א געוואלדיגער חשיבות זיינער; אט אזוי חשוב זענען די ווערטער געווען ביי דוד המלך'ן.

עס איז דא א ירושלמי[לא] אויף דעם פסוק "**ה' צְבָאוֹת עִמָּנוּ מִשְׂגָּב לָנוּ אֱלֹקֵי יַעֲקֹב סֶלָה**", אז דאס זאל נישט זיין 'מש מפיך'. א צווייטער תנא זאגט, דער פסוק "**ה' צְבָאוֹת אַשְׁרֵי אָדָם בֹּטֵחַ בָּךְ**" זאל נישט זיין 'מש מפיך'. [עס איז דא נאך א פסוק].

קומט אויס, אז א איד קומט אמאל אָן אין תהלים ביי א פסוק וואס ער זעט אז דער פסוק איז פאר אים, צו עס איז א פסוק פון בטחון, צו עס איז א פסוק פון אמונה, צו עס איז א פסוק פון שפיכות הנפש, קען מען עס איבערזאגן אסאך מאל![לב].

מען דארף עס אפילו איינ'חזר'ן צו געדענקען אז ווען מען האט א זמן פנוי - זאג א פסוק צום אויבערשטן, רעד א דיבור צום אויבערשטן, ווייל דער אויבערשטער איז אומעטום![לג].

**לא.** ברכות פ"ה, ה"א.

**לב.** עיין ליקוטי מוה"ן תניינא סי' צ"ו.

**לג.** עיין שבחי הר"ן אות י"א: וכמה פעמים היה מדבר לפני השם יתברך דברי תחינות ובקשות מלבו ונזדמן לו בתוך דיבוריו טענות יפות ותפלות נכונות ומסודרות והוטבו בעיניו **והיה כותבם אצלו לזכרון למען יהיה רגיל להתפלל אותם גם אחר כך**.

## קיינער איז נישט איבריג!

דער איינציגער קשר וואס א איד האט מיטן בורא עולם איז דער דיבור!

דער רבי זאגט אין א פלאץ[לד]: "'תפילה' איז א לשון פון 'חיבור ודביקות', אזוי ווי עס שטייט: "**נַפְתּוּלֵי אֱלֹקִים נִפְתַּלְתִּי**", זאגט רש"י - דאס איז אַן ענין פון דביקות וחיבור". מיט דעם מויל קען א מענטש זיין דבוק צום בורא עולם, דערפאר איז דער מויל גאר א הויכע זאך.

כל שכן אז דער אויבערשטער העלפט אז א מענטש איז נישט פוגם דעם מויל, דעמאלס איז אים דעם דיבור מקשר צום אויבערשטן באופן נפלא - אז ער רעדט מיטן אויבערשטן 'פנים אל פנים' - אזוי דארף עס זיין!

א מענטש דארף וויסן, דער אויבערשטער איז אלעמאל, און ער איז מיט יעדן איינעם! יעדער איינער איז חשוב ביי אים!

יעדער איינער!

דער אויבערשטער דארף יעדן איינעם!

קיינער איז נישט איבריג ביים אויבערשטן!

אדרבה, יעדער איד איז ביים אויבערשטן אזוי ווי א בן יחיד!

חז"ל זאגן[לה]: "**כל העולם לא נברא אלא בשבילי!**" - דאס קען יעדער איד זאגן ווען ער ווייסט ווען זיין גרויסקייט און זיין שורש מיט וואס ער איז א חידוש אויף דער וועלט![לו].

---

**לד.** ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' פ"ד: דע, **שעיקר התחברות ודביקות להשם יתברך הוא על ידי התפילה. כי התפילה הוא שער, שדרך שם נכנסין להשם יתברך**, ומשם אשתמודעין לה. כי תפילה היא מלכות, כמו שכתוב (תהלים ק"ט) "ואני תפילה"; ותפילה לשון התחברות, כמו שכתוב (בראשית ל): "**נפתולי אלקים נפתלתי**", תרגומו: **'לשון התחברות'**.

**לה.** סנהדרין לז ע"א.

**לו.** עיין ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז, אות י': חייב כל אדם לומר בשבילי נברא העולם,

און די עצה איז - זיך האלטן מיטן דיבור, זיך האלטן מיטן דיבור, דורך דעם גייט מען ארויס פון אלע מיצרים, מען קען זוכה זיין צו אלע ישועות, און זיין כסדר דבוק צו ה' יתברך.

**ואפילו הפחות שבישראל** נברא שיהיה לו חלק בהתגלות מלכותו יתברך לכל באי עולם, ע"כ. עיין גם בהקדמת ספה"ק ליקוטי תפילות.

# חזק ואחוז עצמך

עס איז ידוע, רבי נתן אין די לעצטע יארן האט ער געדינט דעם אויבערשטן מיט אזא ברען, מיט אזא ווארעמקייט, אזוי ווי א יונגערמאן בימי נעוריו בתחילת התקרבותו. עס איז פארהאן א מאמר החכם (הקדמת רוקח): **"אין חוזק כתחילת החסידות!"**.

מען האט אמאל געפרעגט רבי נתן'ען אין די עלטערע יארן: 'מהיכן זכית לכך – מיט אזא ברען, די חצות'ן, די עבודות, די התמדה? האט ער געזאגט: **"ווייל איך האב אין די יונגע יארן אסאך גערעדט צו השי"ת 'בינו לבין קונו'!"** – ער האט זיך אויסגערעדט אסאך דאס הארץ פארן אויבערשטן! – קיין איין תפילה גייט נישט לאיבוד!

(הילולת מוהרנ"ת שנת תשנ"ד לפ"ק)